בס"ד

# לטהר בלעטל

לטהר
דחסידי סקווירא

9 דזשעפערסאן - שיכון סקווירא
845.362.4600

חסידי סקווירא טעכנאלאגיע אינפארמאציע בלעטל - פנימי - וירא תשפ"ב

# דער מעסעדזש איז קלָאר!!! אדער ק?לָ?א?ר?

## א שמועס מיט 'אַלְמוֹדָד' נח'ס א שכן...

לאמער נעמען א טיפישער גוי פון 4,000 יאר צוריק, זאל דאס זיין 'אַלְמוֹדָד' דער שוסטער. יעדן פרימארגן, ווען ער גייט צו די ארבעט מיט זיין טאשקע אין זיין 'צוויי פינגערדיגע' האנט, פונקט ווי א קינדער ווינטער הענטשוך, הערט ער שוין ווידער די זעצעס פון דעם אלטן נח, שוין פון צוויי גאסן פאראויס. ווארט שוין דורכצוגיין צו באקומען נח'ס 'א גוט מארגן'.

אה, דא איז עס, אבער היינט איז נח ביזי, עס שטייט שוין ווידער א גאנצע אוניווערסיטי מיט סטודענטן צו פאטאגראפירן דעם צערודערטן נח, וואס בויט עפעס א ריזיגער שיף שוין פאר קרוב צו הונדערט יאר. די סטודענטן און צייטונג שרייבער קוקן אים אריין אין פנים, און נח שטייט אינדערהייעך, און זאגט: "עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט, וואס איז זייער ברוגז מיט די דעמאקראטישע תאוות וואס גייט פאר היינטיגע טעג".

נח הייבט אויף זיין קול: "איין שיינעם טאג אנהייב ווינטער פינף יאר פון יעצט וועט קומען א ריזיגע צינאמי, און די גאנצע וועלט וועט ווערן פארפלייצט, און נאר די גאט-פארכטיגע וועלן קענען אריין אין מיין שיף, וואס איך בוי שוין די לעצטע הונדערט און פיפצן יאר, און גערעטעוועט ווערן.

'אַלְמוֹדָד' צוזאמען מיט אלע צושויער האלטן זיך איין פון לאכן, כדי נישט צו פאשעמען נח'ן, אבער ווי נאר ער רוקט זיך אפ א גאס-צוויי, קאטשקעט ער זיך אויס אין א הילכיגער געלעכעטר... קיינמאל וועט דאס נישט געשען, שוואוילטאגט ווייטער אוועק, און גארנישט...

נו, קען מען זיך שוין פארשטעלן ווען עס איז אנגעקומען די לעצטע וויקענ"ד ווען נח האט פאראויסגעזאגט אז עס וועט געשען... די וועטער זאגט טאקע אז עס וועט שטארק רעגענען קומענדיגע וואך. 'אַלְמוֹדָד' לאכט זיך אונטער... זיכער וועט די וואך זיין א ביזי וואך, אסאך טרעפיק וועט פארקומען ארום נח'ס ארק, וואו ער וועט זיך דארפן פארענטפערן פארוואס זיין גרויסע באבל האט זיך אויסגעלאזט ווי א זייפן-בלאז, אוי וועט זיין סחורה אין די צייטונגען קומענדיגע וואך.

...עס איז די זיבעצנטע טאג אין דער צווייטער חודש. טויזנטער מענטשן שטייען ארום די תיבה, מען כאפט בילדער פון די דראמאטישע סצענע... עס שלענגלט זיך א לאאאאאנגע שורה פון דא ביז קאנארסי, פון כל מיני חיות, בהמות, פויגל און שרצים, אלעס שפאצירט אריין אין די תיבה. עלעפאנטן מיט דזשעראפן. דער גרויסער עוג שלעפט אויך מיט זיין לאנגען טענענבוים שטעקן... הייששעריק מיט רויב-פייגלעך, פאפוגייס מיטן גרויסן אקטעפיס, און וואס נישט.

אבער אלע לאכן, מ'לאאאאאכט... עה... קיינמאל... מיליאנען סארטן חיות, וואס קיינער האט נאך קיינמאל אין לעבן נישט געזען אפי' אין די גרעסטע אפריקאנע דז'אנגעל און אין די סאפאריס. פון די ווייסע בער וואס קומט שוין צו קריכן דריי חדשים פון אנטארקטיקע, ביז דער פייער-שלאנג פונעם מדבר הגדול והנורא.

כא כא... ער לאכט... וואס לאכסטו?... גרויסער שוטה... הא? זעסט נישט אז עפעס איז דא פאני... האסטו שוין אמאל געזען ווי לייבן שפאצירן ווי שעפעלעך... און פאלגן פונקטליך אויס וואס יפת ווייזט אים אן, וואו זיך צו פלאצירן... אויף דעם מיטלסטן שטאק, עס מאכט אייך סענס מיסטער 'אלמודד'... כאפסט נאכאלץ נישט אז עפעס גייט דא פארקומען? וואס שטייסטו ווי א נאר...

פארוואס דרייט זיך נישט דיינע קישקעס ווען דו זעסט די וואלקענעס... די ריזיגע גרויע שווערע וואלקענעס דערנענטערן זיך, כאפ א תהילים און ברעך אויס אין א געוויין, וואו ביסטו...??? דו זעהסט דען נישט אז עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט... ער וויל עפעס... ביסט בלינד?

שטעלט זיך די מיליאן דאלער קשי'ה... ווי איז מעגליך אז נח האט נישט געמענעדזשט צו מאכן אפי' איין בעל תשובה, נאר איין... ווען ער האט די גיהנום אפן פאר זיך, ער סטראשעט, מ'זעט שוין... אבער גארנישט...

מישט מען איבער דעם בלעטל, מ'ליינט שוין פרשת וירא, אברהם אבינו אונזער זיידע. נישט קיין האלץ מיט האמער, נישט קיין שיף. ניין. מ'זעט נישט קיין עלעפאנטן מיט קראקאדילס. ער סטראשעט נישט, נישט מער ווי א ווייסע אויסגעצויגענע סחורה אויף פיר שטאנגען, מיט נעגל און שטריק, א געצעלט'עלע מיט פיר טירן, מיליאנען בעלי תשובות, יעדער וואס קומט אריין, יעדער פארבייגייער, פון דעם פראסטן בעדואינער מיט די זאמדיגע פיס, ביז דער אראבישער שעיך מיט באגילדעטע טעפיכער, אלע ווערן גלייך אמת'ע גלויבער, אָן גארנישט... פשוט גלייבן מיט אמת'ע אמונה פשוטה אז עס איז דא א גאט אויפן וועלט, ווייסט איינער וואס דא גייט פאר, וויאזוי שטימט עס...???...

אבער רש"י הק' פארעטפערט אלעס מיט איין ווארט, **מפני מי המבול**, זאגט רש"י 'אף נח מקטני אמנה היה, **מאמין ואינו מאמין שיבא המבול**, ולא נכנס לתיבה עד שדחקוהו המים'.

דער הייליגער אפטער רב האט א הייליגער פשט פארוואס ער האט נישט געגלייבט, אבער למעשה האט ער נישט געגלייבט.

דער אויבערשטער האט אים געדארפט אריינשטופן אין די תיבה, ער האט געוויסט...

**געשריגן... געסטראשעט... אבער 'מאמין ואינו מאמין...', 'א פאקט'!!! ווען מ'זאגט עפעס וואס מ'גלייבט אין דעם מיט אן אמת, מיט א זיכערקייט, דארף מען נישט סטראשענען... נישט שרייען... און נישט אויפווייזן.... מען דארף נישט קיין פאפוגייס מיט טיגערס... איין זאך דארף מען, זאגן קלאר און זיכער... מ'זאל הערן אויף דיין קול אז דו ביסט זיכער...**

**נח איז למעשה געווען א 'מאמין ואינו מאמין' אין זיין מעסעדזש, וועגן דעם האט ער נישט געמענעדזשט מיט די גאנצע תיבה צו מאכן אפי' איין בעל תשובה. משא"כ אברהם אבינו האט געגלייבט, געוויסט, און עס נאר געזאגט מיט אזא זיכערקייט, אז ווער עס זאל נאר זיין איז פארלוירן געווארן פאר זיין קלארקייט... איך בין זיכער אז איך טו ריכטיג...**

**לאמיר עס ארויסברענגען פון די פארקערטע זייט...**

**פארציילט א איד, איך האב זיך אמאל געטראפן פאר עסקנות מיט א 'יענעם סוחר'. בתוך השמועס פרעג איך אים פארוואס איז דיין קאמפאני נאמען אויף דיין וועבסייט"ד אזא מיאוס'ע ווארט. זאגט יענער, 'ביקאז דעטס מי' - ווייל דאס בין איך... מיט די גאנצע פרעכקייט... א פארשעמטער יונגאטש האט עפעס א ביזנעסל, נו, ביסט אן עבריין איז איין זאך, אבער דאס זאל זיין דיין אפיציעלער נאמען, ווייל 'דעטס מי'?... און אונז האבן נאך א פראבלעם... מיר זענען די באקאמפלעקסטע... פארוואס??**

**ניין!!! בשום אופן... ווען איינער פרעגט פארוואס ווילסטו נישט קוקן, פארוואס ווילסטו נישט צורירן, פארוואס האסטו גע'חתמ'עט... פארוואס גייסטו אזוי אנגעטון, פארוואס קענסטו נישט זיין א נארמאלער מענטש און האבן וואטסעפפ? פארוואס פארוואס, ענטפער הויך: 'ווייל דאס בין איך'... אן קיין מורא.**

**דער קלארקייט, האט אונזער זיידע אברהם געהאט, ווען אלע געטרייע פארכטיגע געצנדינער זענען אריינגעקומען צו אים... "מאך א ברכה פאר דער וואס האט באשאפן די הימל און די ערד", זאגט אברם...**

**וואאאאאאס??? דו שלאגסט זיך מיט די גאנצע וועלט... שעמסט זיך נישט צו זאגן הויך עפעס וואס יעדער האלט אנדערש...??? ניין!!! 'ווייל דאס בין איך', 'אברהם העברי', און דאס איז געווען זיין שטערקסטע השפעה, וואס האט יעדן געכאפט... זיכערקייט... שטאלץ... קלארקייט... ווייל איך גלייב עכט... איך ווייס ווער עס שטייט אונטער דעם... איך בין קלאר מיט זיך...**

**הערט נאר א געשיכטע וואס איז פארגעקומען ביים רבי'ן אין שטוב וועגן די נושא, פארציילט געווארן אין 'אורות' אויסגאבע א שטיק צייט צוריק... וז"ל:**

"א צייט צוריק האב איך מקבל זייער א וויכטיגע הדרכה בענייני טעכנאלאגיע פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט, און כ'שפיר אז עס קען זייער צוניצקומען פאר אנדערע, דעריבער בין איך עס דא מפרסם לזכות את הרבים.

די מציאות ביי מיר איז, אז כ'בין ממש א יחיד אין מיין משפחה וואס האט נישט די אלע כלים, און עס קומט אויס זייער שווער, סיי פאר מיר מיט מיינע געשוויסטער, צו זיין אפגעזונדערט דערפון ביי יעדע שמחה. בעיקר קומט עס אויס שווער פאר מיינע קינדער, וויבאלד מען קומט זיך צאם מיט די קרובים, און דארט ליידער האבן די קינדער נישט קיין דאגה מיט די זאכן, איז וויאזוי בין איך מסביר פאר מיינע קינדער אז זיי זאלן נישט האבן קיין שייכות דערצו, ווי אויך פרעגן מיר מיינע קינדער פארוואס איך האב נישט די אלע כלים אזוויי די אנדערע משפחה מיטגלידער. דער רבי האט מיר געענטפערט, אז פאר מיינע קינדער זאל איך ענטפערן אז מן הסתם דארפן עס די אנדערע פעטערס און מומעס לצורך 'פרנסה', אבער אונז דארפן עס נישט פאר קיין פרנסה...

ולגבי וואס צו זאגן פאר מיינע געשוויסטער וואס האבן יא די אלע כלים, האט מיר דער רבי געזאגט ווי פאלגנד: "זאלסט זיי זאגן, אז די אלע כלים האבן די רבנים דאך גע'אסר'ט, און איך וויל נישט האבן קיין שייכות צו אזעלכע זאכן וואס די רבנים האבן גע'אסר'ט. קען זיין אז אנדערע האבן א היתר, אבער איך קען נישט צורירן צו דעם. און כ'זאל זיי מסביר זיין אז די החלטה נישט צו האבן די אלע כלים איז אדורכגעטראכט, און נישט סתם אן קיין חשבון".

דער רבי האט באלד מגיב געווען: "זאג זיי דאס אביסל העכער ווי איך האב דיר עס יעצט געזאגט... נישט 'אביסל' העכער, נאר 'אסאך' העכער! אויך זאל מען נישט שטאמלען בשעת'ן עס זאגן, נאר עס דארף געזאגט ווערן שטארק און מיט א פעסטקייט, ווייל טאמער קעקעצט מען בשעת'ן עס זאגן, וועלן זיי עס נישט אננעמען! מ'דארף עס זאגן מיט א מורא'דיגע פעסטקייט און א הויכע טאן, אז איר רירט נישט צו די אלע כלים". עכ"ל.

**דאס איז א מעסעדזש מיט א קלארקייט... אבער כדי צו 'זאגן' קלאר... דארף מען 'זיין' קלאר... נו לאמיר זיך אביסל דערקלארעווע"ן... הערט נאר א מעשה...**

# דער רבי שליט"א אויפן וועג קיין סוואן לעיק אינמיטן תהילים

**עס איז געווען אן אינטערעסאנטע עפיזאד יארן צוריק, ווען דער רבי שליט"א פלעגט נאך אריינפארן אין קעמפ זאגן א שמועס, פלעגט דער רבי שליט"א אויפן וועג אויסזאגן תהילים. ביים שמועס האט דער רבי זיך אנגערופן: "אויפן וועג אינמיטן תהילים האב איך געטראכט", און דער רבי האט זיך באצויגן איבער די נושא פון טעכנאלאגיע, צו א פראבלעם וואס נעמט אסאך ארום בחורים, די נושא פון 'יענער', מ'שעמט זיך, מ'וויל נישט זיין אנדערש, נו, א בחור'ישע פראבלעם... וואס די חתונה-געהאטע זענען קיינמאל נישט אויסגעוואקסן...**

**און דער רבי פארציילט אזוי, אז דוד המלך אין תהילים גיבט אונז שוין א גוטע עצה וועגן דעם... ווען עס קומט אונטער אזא אומבאקוועמע עפיזאד, מען דארף פעיסן א חבר/טע, און זאגן: "איך האב מחליט געווען..." אבער עס איז זייער שווער צו זאגן, דארף מען האבן א געוויסע מעסעדזש אין קאפ פארדעם, אוי איז דאס ווערטער... וזל"ק:**

כדי זיך צו קענען מתגבר זיין ווען איינער לאכט אפ, דארף מען זיך מתבונן זיין ווער איז דער מצַוה [ווער האט באפוילן די זאך], און ווער איז דער מלעיג [דער חוזק מאכער, אדער פון וועם דו האסט א קאמפלעקס...], אזוי וועט נישט זיין צו שווער.

זֹאת נֶחָמָתִי בְעָנְיִי כִּי אִמְרָתְךָ חִיָּתְנִי, 'אמרתך', די תורה איז א שטיק 'חיות', יעדער וויל זיין דבוק צום תורה, אבער עס איז דא זֵדִים הֱלִיצֻנִי עַד מְאֹד, עס זענען די וואס ווילן אפלאכן, אבער מען טאר נישט זיך רירן, מען טאר נישט נתפעל ווערן, מִתּוֹרָתְךָ לֹא נָטִיתִי. אבער וואס איז די עצה, זָכַרְתִּי מִשְׁפָּטֶיךָ מֵעוֹלָם ה', מ'געדענקט ווער האט געגעבן די מצוות? דער אויבערשטער אליין! וָאֶתְנֶחָם, דורכדעם באקומט מען די שטארקייט, די חיזוק און די נחמה, און פונקט פארקערט, מען האט נאך רחמנות אויף די מענטשן וואס לאכן אפ. עכ"ל. **און אויפן היינטיגן שפראך... שטעלט אייך נאר פאר...**

# סענדער מיט משה איטשע

**שטעל זיך פאר ווען סענדער פארגעסט 'פאר-עכט' אז ער איז אויף סטעידזש, און אז עס זענען דא טויזנטער מענטשן אין די אוידיענס,**

און ער באקומט פלוצלינג א קאמפלעקס פון משה איטשע, אפשר מעג איך אויך אמאל זיין דער בעסערער בעל בית?! און ער טוט למעשה... קאַטשעט ארויס זיין הויזן פון זיין זאקן, פארקעמט זיין פארקניפט שווארצע בערדל ווי א דזשענטל-מאן, און רעדט ווי אזא פיפיגער סוחר... וואס וועט זיין? ער וועט נישט באקומען זיין טשעק.... נישט פארדעם האט מען אייך אראפגעשיק"ט...

מיר זענען נשמות וואס מען האט אראפגעשיקט אויף סטעידזש, און עס איז דא א גרויסע אודיענס וואס קוקן פון די גאלעריס וויאזוי מיר וועלן אויסשפילן אונזער לעבן, אונזערע זיידעס און באבעס... די הייליגע צדיקים נשמתם עדן... אלע אונזערע רבי'ס תלמידי בעש"ט, די תנאים ואמוראים, די נביאים, אנשי כנסת הגדולה, משה רבינו, די הייליגע אבות הק'... די אלע וואס האבן אונז אויסגעטרעטן א וועג צו אנקומען אויף די דרך החיים, געמאכט גדרים וסייגים, א מהלך אין אידישקייט, אמונה פשוטה און דארפן פארשטיין, זיי האבן אלעס געשריבן קלאר, זיי שטייען אויפן גאלערי, אויף די אויבערשטע שטאק, צו זען וויאזוי וועט מיין אייניקל אויסשפילן זיין פאַרט.

און אפי' די לעקטער איז פארמאכט, ווייסן מיר מיט א זיכערקייט ווער עס איז אויף אונזער זייט, ווער עס קוקט ארויס אויף אונז... ווער עס ווארט אונז אפ דארט... ווער עס האט אונז אויסגעטרעטן די וועג... האבן מיר שוין נישט פארוואס צו האבן קאמפלעקסן...

קאמפלעקסן??? פון וועם... ווער ביסטו בכלל??? גרויסער פיקח... וועם זאגסטו נאך???... וועם האסטו מיט זיך... וועלכע וועג פאלאוסטו?... ווער האט שוין מצליח געווען דארט?...

יא, לאמיר פאר איין רגע עפענען די לייטס, און קוקן מיט עכטע אויגן, און צעטיילן די טיעמס אין צוויי זייטן פונעם יארד... ווער איז מיט מיר?... יא, שוין איינמאל... אלע צדיקים פון דעם דור... פון די פריערדיגע דורות... משה רבינו, די אבות הקדושים, אברהם אבינו, יצחק און יעקב, די אלע וועג-ווייזערס... און דו גרויסן אויבער חכם, קוק דיר אליין אן, ווער איז מיט דיר... יא אוודאי דיינע אלע פאלאוערס... און אלע וועם דו פאלאוסט... א דאזן דעפרעסטע עדיקטעט בעלי תאוה... בושות וכלימות...

יא יא ווילסט זען נאכמער? עפן גרעסער דיינע אויגן, ווער נאך שטייט דארט, א אויסגעהונגערטע ריזן שווארצע מלאך, מיט די ביינער פונעם שעיר לעזאזל נאך צווישן זיינע ציין, אנגעטרינקן מיט מים אחרונים וואסער ביז איבערן נאז... אבער ער איז נישט זאט, ער האקט שטיקער, האט א ריזן בארג אינטער זיך פיל פון אויסגעטריקנטע סקעלעטן פון פארכאפטע נשמות פון צעבראכענע עלטערן, וואס צאפלען קוים, אנגע'חַמִיץ' בְּגָדִיו'ט פון יודיש בלוט, וואס זענען ליידער אזוי אומוועלנדיג אריינגעפאלן אין זיין שטעכעדיגע קלעבעדיגע עדיקטעטע נעץ... וואס איז אזוי שווער זיך ארויסצוזען פון דארט... יא מיט א שיינעם רויטן נעקטיי שטייט ער דארט, מיט א דיפלאמ"ע פון באלד זעקס טויזנט יאר וואס ער טוט א סוקסעספולע דזשאב, און איז אריין צום נעקסט לעוועל די לעצטע צען יאר...

איין מינוט... נאכאמאל פון וועם בין איך נאר באקאמפלעקסט...??? בין איך נאך??? איך בין שוין איינמאל זיכער!!!... איך בין שוין איינמאל קלאר!!!... און יעצט זאג עס אזוי אז מען זאל עס פילן...!!!!!

און אויף יענער גרויסער פיקח, וָאֶתְנֶחָם... האט מען רחמנות אויף אים, נעעעעעבעך... וואו וועט ער אנקומען??? ווי אומגליקליך איז ער...

והעיקר וואס מיר דארפן געדענקען, 'ווער האט פארמאכט די לעקטער?' אז מיר זאלן נישט זען אזוי אפן די צוויי טיעמס, דאס איז אונזער הייליגער דערבארעמדיגער גאט, וואס האט אונז געוואלט געבן חיי עולם נצחי, האט אונז מזכה געווען, אז מיר זאלן זיך שטארקן מיט אמונה, און גלייבן ווער איז אויף אונזער זייט, און ווער איז אויף די אנדערע זייט, אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו עולם הבא... און דארט 'אוי וועט לייכטן... אוי וועט שיינען...'

בערך אזוי האט דער רבי שליט"א מסביר געווען פאר איינעם וויאזוי מ'דארף טראכטן... און דעמאלס האט מען נישט קיין שום פראבלעם צו רעדן מיט א זיכערקייט... ווען מ'איז זיכער מיט זיך...

## מעשה פלא מאנטאג לך לך תשפ"ב [מאונט-סיני שפיטאל]

עס פארציילט מיר א איד מתושבי השיכון פאראנגענע פרשת לך לך, א גאר אינטערעסאנטע השגחה עליונה, און געבעטן אויסצולאזן געוויסע פרטים פון די מעשה צוליב פריוואטקייט.

מעשה שהיה כך היה... איך בין אין איילעניש אפגעפירט געווארן מיט הצלה אין שפיטאל, איך האב זיך געראנגלט אין יסורים, און מען האט חושד געווען אויף עפעס גאר ערנסט, ווייל עס איז שוין ליידער נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס דאס האט זיך געמאכט און צום סוף האט זיך אויסגעשטעלט אז מ'דארף שניידן רח"ל.

אין איילעניש בין איך אריין צו מאכן עקסרעי, און יא, עס איז טאקע דאס וואס מען האט חושד געווען, און דערווייל מאכט עס מיר אָן גאר פיינפולע יסורים. דער דאקטער ציט גלייך אריין די איווי מיט שטארקע מעדיקעישן, איך וועל וואטש'ן וואס גייט זיין, און לויט דעם וועט מען זען צו מען וועט מוזן שניידן... אדער די מעדיקעישן וועט העלפן, און עס מסדר זיין.

אוי האב איך געוויסט וואס מיינט שניידן, ווייל פאר דריי יאר צוריק האט מען ליידער געדארפט שניידן, און די רעקאוועריי איז געווען זייער שווער... די יסורים ווערן ערגער, אבער דער דאקטער טרייסט, איך געב גאר שטארקע מעדיקעישן, איך האף אז זאכן זאלן בעסער ווערן... און מען וועט נישט דארפן שניידן... נאכן אפליגן איבער א טאג און די מצב ווערט נישט בעסער... מיינע יסורים זענען געפערליך, קומט דער דאקטער אריין.

עס איז געווען מאנטאג נאכמיטאג, און ער זאגט אז מ'איז שוין צופיל שעה אויף די שטארקע מעדיקעישן, און היות עס ווערט נישט בעסער וועט מען מוזן שניידן... איך פרעג אים איבער, אפשר דאך... עפעס קען מען נאך טון, זאגט ער אז בדרך הטבע איז

שוין נישט דא קיין וועג ארויס... אויב ביז א שעה צייט ווערט נישט בעסער, באשטעל איך די OR פאר זעקס דרייסיג. איך האב אנגעהויבן שטארק צו וויינען, וויסנדיג אין וואס איך גיי דא אריין.

נאך אפאר מינוט האב איך זיך געשטארקט, און מחליט געווען אז איך לייג זיך אריין אין דעם באשעפער'ס הענט. איך האב גענומען א סידור'ל צו דאווענען מנחה, אזוי ליגנדיג אין בעט. איך מוז זאגן אז עס איז טאקע געווען א ווארעמע מנחה... נאך מנחה געב איך מיר א רוף אן צום אויבערשטן: "רבוש"ע איך וועל זיך מקבל זיין נישט צו קוקן קיין רוקעדיגע בילדער, הגם עס איז מיר זייער שווער, און דו מאך אז זאכן זאלן זיך אנהויבן רוקן אויף א גוטע אופן..."

איך האב געוואלט ארײנלייגן מיין קבלה אין א כלי, האב איך גלייך גערופן מיין ראש החברה, הרב יעקב יוסף בהרה"צ ר' אברהם יהושע העשיל שליט"א, און געזאגט מיין קבלה, אז ער זאל עס אפשרייבן, ווייל איך האב געוואלט עס זאל טאקע זיין כתוב וחתום, א קבלה פאר איין יאר.

עס גייט נישט דורך מער פון צען מינוט, און איך פיל ווי די יסורים לאזן נאך, עס ווערט לייכטער און לייכטער יעדע מינוט, איך דרוק דעם רויטן באטן, א נורס קומט אריין, און איך פארצייל איר אז איך פיל אסאך בעסער. זי ביפט גלייך דעם דאקטער, און ביז אפאר מינוט קומט ער צוגיין. אונטערזוכט אהער און אהין, אלע סימנים שטימען אז עס האט זיך מסדר געווען, און די מעדיקעישן האט פלוצלינג אנגעהויבן ארבעטן... ער באשטעלט א פרישע עקסרעי... און ער קומט צוריק מיט די פרייליכע נייעס... איר קענט אהיימגיין געזונטערהייט...

די מעשה איז נישט פארטיג.

קומענדיגע טאג - פארגאנגענעם דינסטאג נאכן דאווענען, בין איך אריין צום רבי'ן, וואס האט מיטגעהאלטן די הזכרות אגאנצן טאג, און פארציילט מיין אינטערעסאנטע מעשהל'ע, מיט די אויסערגעווענליכע חסדים גלייך נאך מיין קבלה טובה.

דער רבי הערט מיר אויס מיט א שמייכל, און זאגט מיר: "בעצם ווייסט מען דאך אז טוב ורע גייט דאך נישט צוזאמען, עס איז תרי דברים דסתרי. נו, די רוקעדיגע בילדער ווייסט מען דאך איז דאך רע. נו, אז מ'זאגט אז עס גייט נישט צוזאמען, איז ווילאנג די רע איז געשטאנען אין וועג, האט די טוב זיך נישט געקענט רוקן, די רגע איר האט אוועקגערוקט די רוקעדיגע בילדער, האט זיך די טוב ארײנגערוקט, און געקענט אנהייבן רוקן אז זאכן זאלן גיין לטובה.

האב איך געזאגט אז מיין קבלה איז אבער נאר פאר א יאר... [איך האב געמיינט צו זאגן אזויווי ווער ווייסט וואס דא וועט זיין...] דער רבי צעלאכט זיך, און זאגט: "די גאנצע זאך פון מאכן קבלות פון א יאר אדער פאר צוויי יאר, איז דאך נישט פשט אז מ'טראכט יעצט אז מ'וויל צוריקגיין צו דעם ח"ו, נאר וואס דען? אמאל טראכט א מענטש, צו מקבל זיין א קבלה פאר אגאנץ לעבן, האט מען דאך אבער מורא, נו, נעמט מען עס אונטער פאר א יאר-צוויי, און דערנאך זעט מען אז עס איז געווען אסאך גרינגער ווי מען האט געמיינט, איז מען אוודאי ממשיך. ריכטיג? פרעגט מיר דער רבי מיט שמייכל, נו ריכטיג?

---

# **א מעסעדזש** פון יצחק אהרן וואזנער ני"ו, פאר גאנץ כלל ישראל.

הצדיק יצחק אהרן וואזנער ני"ו, לאזט מיר א מעסעדזש איין טאג, און בעט איך זאל דאס מפרסם זיין.

"א גוטן, דא רופט דיין חבר יצחק אהרן וואזנער, איך האב פאר דיר א געדאנק. וואס דו קענסט שרייבן אין מיין נאמען.

"ווייסט דאך אז יענע וועלט איז אביסל אויסגעשטעלט ווי די וועלט, מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעא, פונקט אזוויי אויף דער וועלט איז דא אויף א פליגער פשוט'ע סיטס און פוירסט קלעס סיטס, וואס מען קען אוודאי נישט צוגלייכן די באקוועמליכקייט פון א נסיעה אויף פוירסט קלעס, ווי א נסיעה אין עקאנעמי, וואו מ'זיצט ווי ארעסטאנטן אין די סעלער פון די ראבער שיף, צעקוועטשט, אבער אין פוירסט קלעס איז גאר אן אנדערע מעשה, מען סערווירט דיר ווי א קעניג, מיט פיינע באקוועמע סיטס. מ'האלט דיר אינאיין פרעגן וואס דו דארפסט, קיינער שרייט נישט אויף דיר. נו, א בעל בתי'שער יונגערמאן פארשטייט גאנץ פיין דערצו.

"דארף מען וויסן אז אויף יענע וועלט אין גן עדן איז אויך דא פוירסט קלעס סיטס, אויב איינער שטרענגט זיך אן, אפי' ער האט א היתר צו נוצן אינטערנעט, איז אויב ער קען מחמיר זיין, און ער שטרענגט זיך אן נישט צו נוצן אינטערנעט בכלל, אדער מער מחמיר זיין וועלכע פילטער מ'נוצט, און וואס מ'לאזט אלץ אפן, איז אויב מ'טוט אזוי, זאל מען וויסן אז מ'וועט באקומען פוירסט קלעס דארט אין גן עדן, נישט פאר א נסיעה פון 12 שעה, נאר דיין אנשטרענגען דא וועט דיר ברענגען פוירסט קלעס פאר נצח נצחים.

"און אויב פאר איינעם איז שווער זיך צו פארשטעלן וועגן גן עדן, ווייל ער איז פאר'צרה'ט און פארביטערט, זאל ער וויסן אז אפי' אויף דער וועלט, אויב איינער איז מחמיר אויף עניני פרישות וקדושה, באצאלט דער אויבערשטער שוין דא אויף דער וועלט. איך געדענק נישט וואו עס ווערט געברענגט, אבער עס ווערט געברענגט.

"אויך אויב איינער האט א נסיון אין ענייני פרישות, און מ'האלט זיך איין, קען מען דעמאלס פועל'ן א ישועה, וועלכע ישועה מען דארף." איך האף אז מיין מעסעדזש איז געווען גענוג קלאר. זאלסט האבן סייעתא דשמיא, און דו אליין זאלסט אויך נישט נוצן אימעיל אדער אינטערנעט שלא לצורך, אפי' מיט די בעסטע פילטער, און אפי' מיט נעטפרי איז נישט גוט, בעסער ווען מ'נוצט עס אינגאנצן נישט".

אוי יצחק אהרן, דו שאקלסט אונז אויף, ליגט אין דיין בעטל צווישן די פיר ווענט דארט אין 'פיין וועלי' שוין אזויפיל יאר, און מצודתך פרוסה בכל העולם, דיין קול וועט דערגרייכן צו אזויפיל אויערן וואס זענען אפן צו הערן פון א ריין הארץ, וואס טראכט נאר וויאזוי צו מטהר זיין אידישע קינדער.

א שאלה צום רב

# הלכה ווינקל

בית הוראה
טעכנעלאגיע אפטיילונג
845.354.5055 #6

## שאלה

**איך בין א אינגערמאן וואס איך פאנג יעצט אן א עמעזאן ביזנעס, וויל איך וויסן 'וואס איז די אויסגעהאלטנסטע פילטער ארויפצולייגן אויף מיין קאמפיוטער'?**

## תשובה

די ערשטע זאך דארף מען באטאנען אז ס'עקזיסטירט נאכנישט קיין 'לכתחילה'דיגע פילטער'. ליידער איז נאכנישט דא קיין מעגליכקייט צו האבן 'עכט כשר'ע אינטערנעט', יעדע פילטער איז נאר ס'זאל זיין 'בוחר הרע במיעוטו'.
ממילא מוז מען געדענקען, אז נוצן אינטערנעט פאר פרנסה איז א זאך וואס מען איז מתיר פשוט 'בלית ברירה', און עס מוז אלעמאל שטיין פאר די אויגן, אז די 'כשר'סטע אינטערנעט' איז בחזקת סכנה, און ווי ווייניגער מ'נוצט עס, האט מען מער שאנסן צו בלייבן אן ערליכער איד, בסייעתא דשמיא.
יעצט לגבי די פילטער, נאכדעם וואס מען האט עס קלאר דורכגעטון און איבערגעשמועסט מיט דעת תורה וכו', און מען גייט נוצן אינטערנעט, זוכט מען דאך אודאי די בעסטע פילטער וואס איז שייך, איז דא ביי דעם דריי הויפט פאקטן, וואס מ'דארף קלאר מאכן.

1 וואס זענען די פאליסיס פון דעם פילטער. כמעט יעדע פילטער קען ווערן אנגעשטעלט אויף אסאך דרגות, וואס הייסט ביי זיי כשר - טריפה - בדיעבד - נאר פאר ערוואקסענע א.א.וו. אן ערליכער איד דארף נוצן נאר א פילטער וואס איז אוועקגעשטעלט קעגן יעדע 'סייט' וואס קען נאר האבן א חשש מכשול ח"ו, סיי פון 'ולא תתורו אחרי לבבכם' (אפיקורסות, קלות ראש, לשה"ר, שוואכע השקפה וכו'), סיי פון 'אחרי עיניכם' (אפי' א ספק פון ראיות אסורות, ניבול פה וכו').

2 ווער שטייט אונטער די פילטער. ביי יעדע סארט פילטער, איז כסדר דא פרטות'דיגע סיבות און ווענדונגען צו עפענען געוויסע זאכן, אויף א שעה אדער לענגער, און ס'מאכט זיך אלעמאל אז מען וויל עפעס טויש'ן אין די פילטער 'ווייט ליסט', דערפאר מוז דער וואס איז אחראי אויף דעם, זיין מיט א כח פון א בי"ד אדער קהילה, וואס שטייט אויף די פרינציפן, מיט א ישרות'דיגע און תורה'דיגע מהלך, און אודאי נישט א געווענליכער טעקנישן אדער אפילו א כלליות'דיגע ארגאניזאציע וואס דינט פאר אלע שיכטן...

3 וואו זענען די לעכער פונעם פילטער. ווי פארשטענדליך איז א פילטער 'באגרעניצט', און ס'קען האבן שפאלטן, און דורכלאזן געוויסע זאכן 'בטעות', וואס קען חלילה זיין פארבינדן מיט ערנסטע מכשולות. בפרט ווען מ'רעדט פון אזא ברייט-פארצווייגטע קאמפאני ווי 'עמעזאן', וועלן זייער אסאך פילטערס 'פארפאסן' צו פארדעקן אלעס וואס ס'פעלט אויס, דארף מען גוט מברר זיין וואו ס'איז דא די ווייניגסטע לעכער.

**למעשה איז דערווייל די בעסטע די 'נעט-פרי' פילטער, וואס האט די אלע דריי מעלות (ווי שוין ארויסגעברענגט אינעם סוכות'דיגן 'לטהר' בלעטל), און פאר די פעלער וואס מ'קען נישט נוצן 'נעט-פרי', זאל מען דוקא לייגן די פילטער פון 'משומר' - לויט די פאליסי פון 'לטהר-סקווירא', און זיכער מאכן אז ס'איז אפדעיטעד צו פעינטן אלע בילדער די מערסטע וואס ס'איז שייך.**
און מיט דעם אלעם זאל מען כסדר מתפלל זיין, 'שתצילנו היום ובכל יום משטן המשחית... ולא נכלם ולא נכשל לעולם ועד'.

NETFREE

# פרייזן און 'פלענס'

## רעגעלער:

($8.80)

דאס איז די געהעריגע, סטאנדארט פלאן, וואס ערלויבט אלע כשר'ע זייטלעך, לויט ווי אויסגעשמועסט פריער. פרייז: 30 ש"ח א חודש (בערך $8.80).

## סעיפטי פלאן:

($3.00)

דער פלאן בלאקירט געוויסע זייטלעך וואס האבן א פאטענציאל פון פראבלעמען, א שטייגער ווי אדיקטיוויטעט (דאס נעמט אריין פורומס און נייעס), אדער סייטס וואס האבן אסאך פרעמדע השקפות און ענליכס. פרייז: 10 ש"ח א חודש (בערך $3.00).

## באגרעניצטע פלאן: ($2.10)

אין דעם פלאן זענען נאר אפן בעיסיק וועבזייטלעך (א שטייגער ווי: בענק). פרייז: 7 ש"ח א חודש (בערך $2.10).

## דזשימעיל:

($1.20)

דא איז אפן בלויז 'דזשימעיל'. פרייז: 4 ש"ח א חודש (בערך $1.20).

**אראפנעמען דעם פילטער:** כדי צו פארשטערקערן די חומת הדת, רעכנט 'נעטפרי', על פי די דירעקטע הוראה פון איר 'וועד הרבנים', 100 ש"ח פארן אראפנעמען דעם פילטער.

**אויך אין דעם איז 'נעטפרי' א חידוש, מיט 'פעימענטס' וואס האבן נישט קיין קאנקורענט!**

**פאלגנד זענען די אויסוואל פון פלענס, לויטן סדר פון שטרענגקייט, און צוזאמען דערמיט, נידריגקייט אין פרייזן:**

אלע 'פלענס' זענען בארעכטיגט צו 24 שעה קאסטומער סערוויס' און 16 'פוינטס' חודש'ליך. די פוינטס ווערן פארנוצט פאר די פארשידנארטיגע פארלאנגען. לדוגמא:

עפענען א נייע זייטל וועלכער געפינט זיך נאכנישט אויף נעטפריי'ס אלגעמיינע 'ווייט ליסט' – איז 1 פוינט. איבערקוקן א ווידיאו איז 1 פוינט א.א.וו.

מ'קען צולייגן ביז 3 פוינטס פאר יעדע פארלאנג, כדי צו פארשנעלערן די באהאנדלונג.




## אינפארמאציע

מען קען באקומען '**נעטפרי**' אין אלע גרעסערע '**טעג**' צענטערן איבער די וועלט, ווי אויך אין 'לטהר' דשיכון סקווירא.

פאר מער אינפארמאציע קען מען זיך ווענדן צו '**נעטפרי**' 24 שעה א טאג אויף: info@netfree.link

אדער אויף:

# 718.400.8838